# העפאטייטיס C טעסטינג פאר בעיבי בומערס (מענטשן וואס זענען געבוירן געווארן צווישן 1945 און 1965)

## פארוואס זאלן בעיבי בומערס ווערן אונטערזוכט פאר העפאטייטיס C?

כאטש וואס יעדער קען באקומען העפאטייטיס C, זענען מער ווי 75% פון אינפעקטירטע ערוואקסענע בעיבי בומערס, מענטשן וואס זענען געבוירן געווארן פון 1945 ביז 1965.

- בעיבי בומערס האבן פינף מאל העכערע אויסזיכטן צו האבן העפאטייטיס C.
- לעבער קראַנקהייט, לעבער קענסער, און טויטפעלער פון העפאטייטיס C פארמערן זיך.
- ווי לענגער מענטשן לעבן מיט העפאטייטיס C, אלס העכערע אויסזיכטן זענען דא אז זיי וועלן אנטוויקלען ערנסטע, לעבנס-דראענדע לעבער קראנקהייט.
- ווערן אונטערזוכט קען העלפן מענטשן אויסגעפינען אויב זיי זענען אינפעקטירט און זיי געבן קעיר און באהאנדלונג וואס קען ראטעווען זייער לעבן.
- עס זענען אוועילעבל באהאנדלונגען וואס קענען ארויסנעמען דעם ווירוס פונעם קערפער און פארמיידן לעבער שאדן, סיראסיס און אפילו לעבער קענסער.

## פארוואס האבן בעיבי בומערס אזעלכע הויכע ראטעס פון העפאטייטיס C?

די סיבה פארוואס בעיבי בומערס האבן אזעלכע הויכע ראטעס פון העפאטייטיס C ווערט נישט גענצליך פארשטאנען. מען גלייבט אז רוב בומערס זענען געווארן אינפעקטירט אין די 1970 און 1980 יארן ווען ראטעס פון העפאטייטיס C זענען געווען די העכסטע. וויבאלד מענטשן מיט העפאטייטיס C קענען לעבן פאר צענדליגער יארן אן קיין סימפטאמען, טוען פיל בעיבי בומערס אומוויסנדיגערהייט לעבן מיט אן אינפעקציע וואס זיי האבן באקומען פיל יארן צוריק.

העפאטייטיס C ווערט הויפטזעכליך פארשפרייט דורך בארירונג מיט בלוט פון אן אינפעקטירטער מענטש. פיל בעיבי בומערס האבן געקענט ווערן אינפעקטירט פון פארפעסטיגטע בלוט און בלוט פראדוקטן פאר מען האט אנגעהויבן צו סקרינ'ען בלוט סופליי אין 1992 און מען האט איבערגעאל אנגעהויבן נעמען באווארענונגען. אנדערע האבן מעגליך געקענט ווערן אינפעקטירט פון איינגעשפריצטע דראגס, אפילו אויב נאר איין מאל אינעם פארגאנגענהייט.

## וואס זאלן בעיבי בומערס וויסן וועגן העפאטייטיס C?

העפאטייטיס C איז אן ערנסטע לעבער קראנקהייט וואס קומט אלס רעזולטאט פון אינפעקציע מיט די העפאטייטיס C ווירוס. טייל מענטשן וואס ווערן אינפעקטירט מיט העפאטייטיס C קענען אויסקלארן, ד.מ. פטור ווערן פון, דעם ווירוס, אבער רוב מענטשן וואס ווערן אינפעקטירט אנטוויקלען א כראנישע, אדער לעבנסלענגליכע, אינפעקציע. מיט די צייט, קען כראנישע העפאטייטיס C פאראורזאכן ערנסטע געזונטהייט פראבלעמען אריינגערעכנט לעבער שאדן, סיראסיס, לעבער קענסער און אפילו טויט ר"ל. פאקטיש, איז העפאטייטיס C א הויפט אורזאך פון לעבער קענסער און דער הויפט אורזאך פון לעבער איבערפלאנצונגען.

מענטשן מיט העפאטייטיס C:

- האבן אפטמאל נישט קיין סימפטאמען
- קענען לעבן מיט אן אינפעקציע פאר צענדליגער יארן אן שפירן קראנק
- קענען ווערן ערפאלגרייך באהאנדלט מיט מעדיצינען

## ווי אזוי קען מען וויסן אז מען האט העפאטייטיס C?

די איינציגסטע וועג צו וויסן אויב איינער האט העפאטייטיס C איז צו ווערן אונטערזוכט. דאקטוירים נוצן א בלוט טעסט, וואס הייסט א העפאטייטיס C אנטיבאדי טעסט, אויסצוגעפינען אויב איינער איז שוין אמאל געווארן אינפעקטירט מיט העפאטייטיס C. די העפאטייטיס C אנטיבאדי טעסט זוכט אנטיבאדיס צום העפאטייטיס C ווירוס. אנטיבאדיס זענען כעמיקאלן וואס ווערן ארויסגעלאזט אינעם בלוטשטראם ווען איינער ווערט אינפעקטירט.

## העפאטייטיס C אנטיבאדי טעסט רעזולטאטן

ביים ווערן אונטערזוכט פאר העפאטייטיס C, פרעגט ווען און ווי אזוי מען וועט אייך מיטטיילן די טעסט רעזולטאטן. עס דויערט געווענליך פון א פאר טעג ביז א פאר וואכן פאר די די טעסט רעזולטאטן צוריקצוקומען.

**נישט-רעאקטיוו אדער א נעגאטיווע העפאטייטיס C אנטיבאדי טעסט**

- א **נישט-רעאקטיוו**, אדער נעגאטיווע, אנטיבאדי טעסט מיינט אז א מענטש האט נישט קיין העפאטייטיס C.
- פונדעסטוועגן, אויב איינער איז לעצטנס געווען אויסגעשטעלט צום העפאטייטיס C ווירוס, וועט ער אדער זי דארפן ווערן גע'טעסט נאכאמאל.

**רעאקטיוו אדער א פאזיטיווע העפאטייטיס C אנטיבאדי טעסט**

- א **רעאקטיוו**, אדער פאזיטיווע, אנטיבאדי טעסט מיינט אז אנטיבאדיס זענען געפינען געווארן אין די בלוט און א מענטש איז געווארן אינפעקטירט מיט די העפאטייטיס C ווירוס ביי א געוויסע צייט.
- א רעאקטיוו אנטיבאדי טעסט מיינט נישט דווקא אז א מענטש האט העפאטייטיס C.
- איינמאל א מענטש ווערט אינפעקטירט, וועט יענער שטענדיג האבן אנטיבאדיס אין זייער בלוט. דאס איז אמת אפילו אויב זיי זענען פטור געווארן פונעם העפאטייטיס C ווירוס.
- א רעאקטיוו אנטיבאדי טעסט פארלאנג נאך א נאכפאלגנדע טעסט (העפאטייטיס C RNA טעסט) צו באשטימען אויב א מענטש איז יעצט אינפעקטירט מיט העפאטייטיס C.

## וואס איז די ניו יארק סטעיט העפאטייטיס C טעסטינג געזעץ?

די NYS העפאטייטיס C טעסטינג געזעץ פארלאנגט אז א העפאטייטיס C סקרינינג טעסט זאל ווערן פארגעשלאגן פאר יעדער וואס איז געבוירן געווארן צווישן 1945 און 1965. אויב מען נעמט אן דעם פארשלאג און די העפאטייטיס C סקרינינג טעסט איז רעאקטיוו, מוז דער העלט קעיר פראוויידער אנבאטן נאכפאלגנדע העלט קעיר אדער רעפערירן דעם מענטש צו א העלט קעיר פראוויידער וואס קען צושטעלן נאכפאלגנדע העלט קעיר. די נאכפאלגנדע העלט קעיר מוז אריינרעכענען א העפאטייטיס C דיאַגנאָסטישע טעסט (העפאטייטיס C RNA טעסט).

## פאר מער אינפארמאציע

רעדט צו אייער דאָקטער אדער באזוכט **www.health.ny.gov/hepatitisC** אדער **www.cdc.gov/knowmorehepatitis**.